# אַ נאַכט אין שפּיטאָל

אַזוי ווי ס'איז ביטער
בלעטער אָן צווייגן,
אַזוי איז שלעכט
אַז אַ נאַכט קען נישט שווייגן.
די שוועסטערס קליידן זיך בלוי,
דאָקטוירים גייען אין ווייסן,
און מיט אונדז שפּילט זיך
דער טויט אויף צופּלייסן:

ער שפּרינגט אַריין און אַרויס
ווי אַ קאַץ דורך די טירן
און כאַפּט ווי אַ מויז
ביי אַ קראַנקן די נירן.

און שפּילט זיך מיט האַרץ,
מיט לונג און מיט לעבער,
און די נאַכט שטייט אין דרויסן
ווי אַן אַלטער באַגרעבער.

די נאַכט ווייסט אַ סך שוין;
נאָר ביי איטלעכן מאָל
דערלאַנגט זי אַ ציטער
ווען עס קרעכצט דער שפּיטאָל.

קרעכצן הימל און ווינט,
אויפן בוים קרעכצן צווייגן.
-----------------------------
שלעכט איז מיט אונדז
ווען די נאַכט קען נישט שווייגן

און אין זאַל די ווענט
שטייען דערשראָקן אַצינד,
און ווי האַרציקע מאַמעס
איבערן וויג פון אַ קינד

בויגן זיי זיך איבער
אויף אונדזערע בעטן;
נאָר נישט ווענט האָבן הענט
און קענען נישט גלעטן.

==========================

פאָלקסצייטונג 6.1.1939 ז.9